50th Anniversary Celebration
1904-1954

# Workmen's Circle Branch 45

Sunday, January 10, 1954

Hotel Webster Hall
PITTSBURGH, PA.

## *Greetings to Branch 45 on the Occassion of the 50th Anniversary*

| | |
|---|---|
| MR. & MRS. SAM LEISS | MR. & MRS. BORIS MANDEL |
| MR. & MRS. JACK KELLMER | GUS. BLOCK |
| MR. & MRS. NATHAN MALYN | MR. & MRS. SAM LEDERMAN |
| MR. & MRS. JACK RUBEN | MR. & MRS. SELIG GELBMAN |
| MR. & MRS. SAM PARKER | MR. & MRS. MORRIS MALLINGER |
| MR. & MRS. MAX WEISMAN | MR. & MRS. OSCAR SIMON |
| MR. & MRS. NATHAN WEINER | MR. & MRS. B. HOLTZMAN and Daughter |
| MR. & MRS. USHER GEDUNSKY | MR. & MRS. S. M. SWARTZ |
| MR. & MRS. I. B. PERLOW | RAE & BEN SIEGEL<br>Venice, California |
| *In Loving Memory of*<br>JOE SHAPIRO<br>SADLY MISSED BY A FRIEND | MR. & MRS. LOUIS LEVITH |

# *50th Anniversary Committee*

## WORKMEN'S CIRCLE BRANCH 45



NATHAN MALYN, Chairman
JACK RUBEN, JACK KELLMER, SAM LEDERMAN } Co-Chairmen

| | |
|---|---|
| BESS TOPOLSKY, Secretary | SAM LEVITT |
| GUS BLOCK | MINNIE MALYN |
| BELLA CARB | ANNE MALLINGER |
| SELIG GELBMAN | JOHN NEMSER |
| ISRAEL GERSHON | GOLDIE PARKER |
| BESSIE KELLMER | IDA RUBEN |
| SAM LEDERMAN | DORA SHAPIRO |
| SAM LEISS | SIDNEY STARK |

### OFFICERS OF BRANCH 45

JACK KELLMER........Financial Secretary
J. RUBEN........Recording Secretary
JOHN NEMSER........Treasurer
ISRAEL GERSHON........Hospitaler

### BOARD OF DIRECTORS

NATHAN MALYN, Chairman

| | |
|---|---|
| J. KELLMER | JOHN NEMSER |
| SAM LEDERMAN | SELIG GELBMAN |
| SAM LEISS | J. RUBEN |
| ISRAEL GERSHON | BESS TOPOLSKY |

# Reflections of an Old-Timer

50 years of the existence of Branch 45 Workmen's Circle represents 50 years of growth and development of Jewish life in Pittsburgh. Were we to have taken pictures or recorded the various events that Branch 45 participated and lead in, we would then have a panorama of the spread of the Culture and Education as well as of the Ethics of Pittsburgh Jewish Life.

Who lead the Stogy Makers?

Who helped to organize the Cloak Makers?

Who helped to organize the Pants Makers?

Who helped to organize the Clothing Workers?

Who organized the Bakers and the Drivers, as well as numerous other organizations, when to organize was to be ostracized—always the active members of Branch 45—they were the tone setters, they were the advisers, they were the guardians of the desires, aspirations and hopes of the then Immigrant Worker.

And in the first quarter of the present Century when the Steel Workers attempted to organize, it was again the Workmen's Circle Branch 45 who alone came to their assistance.

Who can ever forget the Miners Strike of 1922 and again in 1926 when naked and bare-footed and starving in tents, the Bakers provided flour and bread—the tailors provided clothing and with the help of the National Office of the Workmen's Circle hundreds of thousands of dollars were raised in that long and temporarily lost struggle. In other words Branch 45 stood in the forefront, advising and encouraging in every endeavor for a better world. We are older then the Jewish Federation, older then the Home for Aged and many other Institutions in Pittsburgh.

Our members have helped again during the N. R. A. to organize the unorganized and many of them are substantial leaders in both the A. F. of L. and the C. I. O. We are proud of our first 50 years and I am sure that our sons and daughters will do as well or better in the next 50 years.

Congratulations Branch 45! You have done an outstanding job and, while many of the Builders of Branch 45 have gone to their rewards, we the living must pledge our all to continue to carry on, so that our Branch 45 Workmen's Circle as well as the other Branches of the district will grow, and as elder statesmen assist our Community to make its mark on the Sands of Jewish Life.

*Sidney Stark*

## *Greetings*

Each moment spent in the Workmen's Circle by a member of our younger generation reveals more of the spiritual richness which has been poured into it by the founding generation. Our cultural program with its brave and distinctive qualities, our I. L. Peretz Schools, our Jewish Labor Committee, our cooperative system of fraternal benefits, our positive approach to democracy and social justice—all these constitute a way of life which is genuine, valid, and vibrant. It is indeed a privilege to be part of it.

When one of our older branches celebrates a 50th Anniversary, we are mindful of its position as one of the early pillars of the Workmen's Circle and all it represents. Particularly so is this true of Branch 45, which has not merely given leadership and strength as a branch but has contributed some of the greatest personalities of our movement, among them three who are no longer with us in body but will always be with us in the heritage they have left to us — Joseph Baskin, Philip Geliebter and Leon Arkin.

As a representative of our younger Workmen's Circle I am happy to express the respect and admiration and affection we feel towards Branch 45. We are honored to be counted as your fellow-members in our Workmen's Circle and as comrades in the broader movement of Jewish labor.

We sincerely hope that we shall continue to enjoy your fruitful presence among us and that your vigor and health be refreshed and prolonged for all the tasks that still lie ahead.

Warmest congratulations and best wishes!

Fraternally yours,

WILLIAM STERN

Director, Youth and English Speaking Division W. C.

adm. Dir.

### WE CHERISH THE MEMORY OF OUR DEPARTED FOUNDERS, ORGANIZERS, OFFICERS AND LEADERS OF BRANCH 45

JACOB ALBERT
LEON ARKIN
JOSEPH BASKIN
JOSEPH BAZELL
JACOB COHEN
*JACOB FEINBLATT
PHILIP GELIEBTER
*JACOB HERMANOVITCH
MAX MALYN
*JACOB PALMBAUM
BENJ. REISMAN
SAM RICHMAN
IKE ROTHBERG
SOLOMON SAMUELS
*SAM SCHECHTER
JOE SHAPIRO
JOE TORIN
JACOB TWIG
JULIUS WEISBERG

And all the members who for lack of space we cannot mention.

**Charter Members*

MEMBERS AND SYMPATHIZERS OF THE WORKMEN'S CIRCLE

*extend greetings on the occasion of the*

# 50th Anniversary of Branch 45

*We wish the Branch many years of fruitful activity*

Mr. & Mrs. Louis Arenson
Mr. & Mrs. H. Berenfield
Mr. & Mrs. H. Blecher
Mr. & Mrs. I. Blinn
Mr. & Mrs. Jos. Bloom
Mr. & Mrs. D. Brinn
Ida Bromson & Daughters
Mrs. Bella Carb
Mr. & Mrs. J. Carson
Mr. & Mrs. Frank Chazman
Israel Gershon
Mr. & Mrs. Morris Glazer
Mr. & Mrs. Louis Hoffman
Mary Horwitz
Mr. & Mrs. Sam Horwitz
Mr. & Mrs. D. Karsh
Isadore Kerber
Mr. & Mrs. S. Klein
Mr. & Mrs. P. Laibman
Mr. & Mrs. H. Lazarus
Mr. & Mrs. Louis Lefkovitz
Louis Levitt
Sam Levitt
Mr. & Mrs. Morris Linder
Mr. & Mrs. Ben Louik
Mr. & Mrs. H. Louik
Mr. & Mrs. J. Louik
Mr. & Mrs. M. Louik
Mr. & Mrs. J. B. Lucker
Eva Marcus
David Mintz
Mr. & Mrs. J. Nemser
Mr. & Mrs. I. Oshry
Mr. & Mrs. L. Oshry
Mr. & Mrs. L. Pechersky
Mr. & Mrs. D. L. Rosenthal
Mr. & Mrs. F. Rubin
Mr. & Mrs. H. Rosenbloom
Solomon Sacks
Mr. & Mrs. B. Sakulsky
Mr. & Mrs. M. Sattien
Mr. & Mrs. Edw. Schultz
Rebecca Schwartz
Dora Shapiro
Mr. & Mrs. J. Shernin
Mr. & Mrs. I. Shore
Anna Siegel
Mr. & Mrs. B. Sigal
Mr. & Mrs. N. Simons
Mr. & Mrs. H. Singer
Mr. & Mrs. S. Slomoff
Mr. & Mrs. Abe Solomon
Mr. & Mrs. R. Solomon
Mr. & Mrs. L. Soodik
Mr. & Mrs. S. Speck
Bennie Stone
Mr. & Mrs. Paul Tabor
Mr. & Mrs. I. Tepper
Mr. & Mrs. L. Tick
Mr. & Mrs. M. Tobias
Mr. & Mrs. N. Tobias
Rebecca Tracht
Mr. & Mrs. M. Weisberg
Mr. & Mrs. M. Wnuck
Mr. & Mrs. R. Wnuck

## EDITOR OF "FORWARD"

*Greets Branch 45, Workmen's Circle*

My heartiest greetings to Branch 45 Workmen's Circle on occasion of its 50th Anniversary. Branch 45 has served the causes to which it dedicated itself since its inception to the present day.

We have always looked upon your Branch as one of the outstanding ones in the Workmen's Circle and in the Jewish Labor Movement.

We of the "Forward" highly appreciate the services you have rendered and send our heartiest congratulations.

HARRY ROGOFF
Editor in Chief
Jewish Daily Forward

## *Greetings*

The Social Democratic Federation of Allegheny County enthusiastically joins with the members and friends of the Workmen's Circle in celebrating the 50th Anniversary of Branch 45 Workmen's Circle.

We hope that the fine record of successful achievements will be continued indefinitely and we encourage the members and friends of the Circle to constantly support and aid Branch 45 so that it can cointinue its noteworthy work.

Fraternally,
SOCIAL DEMOCRATIC FEDERATION
DR. WM. J. VAN ESSEN, Chairman
LAWRENCE WOLFE, Secretary

## THE UNITED JEWISH FUND

OF PITTSBURGH

Congratulates

WORKMEN'S CIRCLE BR. 45

Upon the..occasion of Its
Fiftieth Anniversary

The work you have done and are doing represents a Real and Meaningful Contribution To Our People

Greetings to Your

50th ANNIVERSARY

Of Workmen's Circle

Branch 45

*Frank R. S. Kaplan, Esq.*

*Greetings from the*

STARK FAMILY

*Compliments of*

ROGAL COMPANY

**General Insurance**

LIFE — FIRE — LIABILITY — BONDS

HEALTH and ACCIDENT

GRANT BUILDING PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

# Mr. and Mrs.

# LOUIS REIZENSTEIN

*Compliments of*

# STANLEY KANN

*Compliments of*

HERMAN FINEBERG

and Family

*Greetings from*

WALTER BURKE

Chairman Pittsburgh Histadruth

*Compliments of*

# EAGLE LINEN SERVICE, INC.

*Better Service Since 1920*

A Complete Service for

HOTELS — RESTAURANTS — STORES

OFFICES — INSTITUTIONS — ETC.

Call MUseum 1-8920

**EAGLE LINEN SERVICE, INC.**

**141 FORTIETH STREET** **PITTSBURGH 1, PA.**

*Congratulations*

*on your 50 years of service*

# Teamsters Union Local 249

PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

# A FRIEND

For home, store or office, you'll get the best roofing, heating, air conditioning, insulation, building products, sheet metal work, floors and ceilings, from Limbach. Just call ALlegheny 1-5600.

Memory takes me back 48 years to 1906 when I first came in contact with activities of Branch 45 of the Workmen's Circle.

Since that time I have attended and enjoyed many affairs of the Workmen's Circle in Allegheny County.

The founders and the many more recent members of the Circle can justly be pleased and point with pride to the Commendable achievements which the Circle, and especially Branch 45, have accomplished.

I am pleased and honored to be invited to join with many others in celebrating the 50th Anniversary of Branch 45 Workmen's Circle.

Sincerely and fraternally,

*Dr. W. J. Van Essen*

*Congratulations*

ON YOUR 50th ANNIVERSARY

**WASHINGTON TRUST CO.**

931 FIFTH AVENUE

PITTSBURGH 19, PENNA.

OUR HEARTIEST GREETINGS

ON THE OCCASION OF YOUR

50th ANNIVERSARY

**MR. & MRS. MAX G. KUMER**

**MR. & MRS. HENRY PREVIC**

**MR. & MRS. MICHAEL R. KUMER**

*Compliments of*

## Columbia Super Cleaners

MEL HOFFMAN

HARRY REICHER

*Compliments of*

## PAGE'S

*HOME OF THE SWEETEST MILK EVER SOLD*

PLantation 1-9200

## PAGE'S MILK COMPANY

1623 SAW MILL RUN BLVD. PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

## Mr. and Mrs. Samuel Horelick

*Compliments of*

## A FRIEND

*Compliments of*

# JOE PORTER

---

*Compliments of*

# White Star Linen Supply Company

**ABE DUNN and ASSOCIATES**

---

The Bakers Union, Local No. 44, send you their heartiest congratulations on your 50th Anniversary

SAUL BIRNKRANT
Secretary-Treasurer

---

**LUBIN & SMALLEY CO.**
***Florists***
Flowers for All Occasions
**GRant 1-2200**
**126 FIFTH AVE. PITTSBURGH, PA.**

---

*Compliments of*

**CHILDS EQUIPMENT COMPANY**

**6896 HAMILTON AVE. PITTSBURGH 8, PA.**

---

*Compliments of*

**A FRIEND**

---

*Compliments of*

**MORRIS HERSHMAN**
**KING DISTRIBUTING CO.**
GRant 1-5788
2741-43 LIBERTY AVE. PITTSBURGH 22, PA.

---

*Compliments of*

**SOL'S PHARMACY**

**2144 MURRAY AVE. PITTSBURGH, PA.**

---

*Compliments of*

**JACK TALENFELD FUNERAL HOME**

**EMerson 1-5700**

**374 S. NEGLEY AVENUE Near Baum Blvd.**

---

*Compliments of*

**CHARLES STEWART**

**429 FIRST AVE. PITTSBURGH, PA.**

---

*Compliments of*

**GOLOMB PAINT & GLASS CO.**

**1830-36 FORBES ST. EXpress 1-1300**

---

In Loving Memory of Charter Member

**JACOB HERMAN**

Sadly missed by his family
MRS. B. HERMAN
DR. & MRS. JULIUS HERMAN and Son

Greetings and Congratulations

on your 50 years of service

## Laundry Workers International Union Local 141

PITTSBURGH, PA.

---

*Compliments of*

## Urbach Monumental Works

JOSEPH E. URBACH

Designers and Manufacturers of Cemetery Memorials

מצבות

*Visit Our New Display Room and Plant*

OPEN SUNDAYS

2714 PENN AVE. EXpress 1-1646

---

*Greetings from*

## GORDON-JACOBSON, Inc.

HOmestead 1-3600

EIGHTH AVE. & LIBRARY ST.

Homestead, Pa. Munhall, Pa.

---

*Greetings from*

## Mr. & Mrs. Chas. Fingeret

---

*Compliments of*

## *Frank Zupancic*

---

*Compliments of*

**YORK SUPPLY COMPANY**

**OF PITTSBURGH**

**1014 Fifth Avenue Pittsburgh, Pa.**

**ATlantic 1-9862**

---

In Loving Memory of

**BENJAMIN LEFKOFSKY**

Sadly missed by Wife and Children

---

*Greetings from*

**MR. & MRS. ABE WEKSELMAN**

---

*Greetings from*

**MR. & MRS. PH. WEKSELMAN**

---

## MEYERS

**PLUMBING & HEATING SUPPLY CO.**

Wholesale Distributors

***PLUMBING SUPPLIES***

**2127 FIFTH AVE. PITTSBURGH, PA.**

---

*Compliments of*

**SQUIRREL HILL BAKERY**

---

*Greetings from*

**SOL CANTOR and FAMILY**

---

In Memory of

**ANNE KARSH**

SADLY MISSED BY CHILDREN

---

*Compliments of*

**NATIONAL FABRICS**

---

*Compliments of*

**JOE KATZ**

**2128 Murray Avenue Pittsburgh, Pa.**

## Sweet Clean Laundry and Dry Cleaners, Inc.

*"Sweetest Service In Town"*

BONDED PICK-UP AND DELIVERY

**MOntrose 1-8700**
(Day and Night)

*Compliments of*

**UNITED BAKING CO.**

2311 E. CARSON ST. PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**HERMAN BROS.**
**& HOFFMAN BAKERY**

2200 MURRAY AVE. PITTSBURGH, PA.

מיר די מיטגלידער פון ברענטש 45 וועלכע געפינען זיך
אין דער היים פאַר עלטערע מענשען שיקען איבער אונזערע
האַרציגע באַגריסונגען צום היינטיגען יום טוב.

HARRY GORDON HYMAN PERLOFF
ISADORE ROTH

*Compliments of*

**SAMUEL LURIE CO.**

1000 FIFTH AVE. PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**BERNSTEIN & ROSENBERG CO.**

826 FIFTH AVE. PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**GEORGE'S FRUIT MARKET**

BELLEVUE PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**CHICK CLOAK COMPANY**

907 PENN AVE. PITTSBURGH, PA.

Office—HA. 1-1280 Res.—JA. 1-5078

**KORN PLUMBING CO.**

*Plumbing Contractors*
BILL KORN
2331 BEECHWOOD BLVD. PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**DELMA'S RESTAURANT**

416-18 N. HIGHLAND AVE. PITTSBURGH, PA.

GREETINGS UPON
YOUR GOLDEN ANNIVERSARY

## M. A. MARCUS

## UNITED OVERALL SERVICE COMPANY, Inc.

•

**4719 HATFIELD STREET**

**MAyflower 1-3210**

## ABRAHAM C. FALEDER

Wishes Br. 45 of the Workmen's Circle
A Happy Anniversary
May this be the beginning of a new era
of greater achievements

CEMETERY MEMORIALS
AND MARKERS

**מצבות**

**2414 FIFTH AVENUE**

**SChenley 1-5500**

## PEERLESS WALLPAPER & PAINT CO.

Wholesale Only

*Wallpaper — Paint & Decorator Supplies*

**GRant 1-4626**

**1018-20 FORBES STREET**

**PITTSBURGH, PA.**

*Compliments of*

**KRAMER'S JEWELRY**

*Compliments of*

**MR. & MRS. A. JOSEPH**

*Compliments of*

**CONSUMER'S BAKERY**

*Compliments of*

**ORRINGER'S GROCERY**

*Compliments of*

**MORGAN & KAUFMAN**

*Compliments of*

**MR. & MRS. DANIEL MAKAGON**

In Loving Memory of

**MR. & MRS. MORRIS SIROCCA**

Sadly missed by Children

*Compliments of*

**BEN DINOVITZ**

*Compliments of*

**CITY PRINTING COMPANY**

*Compliments of*

**SMILOVITZ KOSHER MEAT MARKET**

2128 Murray Ave. Pittsburgh, Pa.

**new**

AIRLINE

**LIMOUSINE SERVICE**

*to and from the*

GREATER PITTSBURGH

**AIRPORT**

*for the convenience of residents of*

**Oakland • Squirrel Hill • Shady Side**

**East Liberty • Wilkinsburg and vicinity**

*Fare $2.00 incl. tax*

*New Limousine Service now in operation—Departures at 20 minutes of the hour from*

*Hotel*

**WEBSTER HALL**

4415 Fifth Avenue, Pittsburgh 13, Pa. • MAyflower 1-7700

*Your Gracious Host in Pittsburgh*

*Compliments of*

**COHEN'S POULTRY**

2128 Murray Avenue

*Compliments of*

**MR. & MRS. FIREMAN**

*Compliments of*

**Live Fish Co.**

PITTSBURGH, PA.

*Compliments of*

**PITT DRY GOODS**

HERMAN HALPERN

1023 FIFTH AVE. PITTSBURGH, PA.

**BLANK BROS., Inc.**

NEW ENLARGED

**FUNERAL HOME**

*Air Conditioned*

SERVICE WITH DIGNITY

**3222 FORBES ST. at CRAFT AVE.**

**Phone: SChenley 1-4000**

*Greetings from*

**BERGER PRINTING**

Printing of Quality

**ATlantic 1-7833-4**

**97-99 WASHINGTON PLACE**

**PITTSBURGH 19, PA.**

In Loving Memory of

**MR. & MRS. LOUIS KUSHNER**

Sadly missed by Children

*Compliments of*

**A FRIEND**

**JEAN'S FLOWER & GIFT SHOP**

*Flowers and Gifts for All Occasions*

JAckson 1-5603

1930 Murray Ave. Pittsburgh 17, Pa.

# 50 יאָר אַרבעטער רינג בּרענטש 45

## פון י. לעווין־שאצקעס

נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד

און רעדאַקטאָר פון „וועקער"

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד שטייט אין די גאָר נאָענטסטע גייסטיקע באַציאונגען מיטן אַרבעטער־רינג און מיט זיינע ברענטשעס, און אָפט קומט אונדז אויס צו באַגריסן אַ ברענטש צו זיין געבורטס־טאָג, בפרט, אַז מען האַלט אָן ע"ה צו ווערן אין די פופציקער.

מיט אַן אמתן געפיל פון באַזונדערער באַפרידיקונג פאַר אונדז און אַנערקענונג צום ברענטש קומען מיר באַגריסן דעם פיטסבורגער אַרבעטער רינג ברענטש 45 צו זיין 50־יאָריקן יובילײ.

פאַרוואָס ?

דערפאַר וואָס אין אַלע אונדזערע טעטיקייטן, אין אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען און אין אַלע באַזוכן, וואָס עס האָבן געמאַכט אין פיטסבורג אונדזערע לעקטאָרן און פאַרטרעטער, — איז אייער ברענטש געווען שטענדיק נישט נאָר פריינדלעך, נאָר אַן אָרגאַנישער טייל, א שותף, אַ מיטבאַטייליקער אין אונדזער אַרבעט.

מיר שאַצן דעריבער באַזונדערס אָפּ דעם לעבעדיקן גייסט פון אייער ברענטש, וואָס איז אַזוי עפעקטיוו אין אָנהאַלטן און אויפהאַלטן דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון אונדזער גרויסן אַרבעטער אָרדן — פון אונזער ארבייטער רינג.

שיקן מיר אייך אונדזער האַרציקסטע באַגריסונג צוזאַמען מיט אונדזער אויפריכטיקן וואונטש, אַז אייער ברענטש זאָל אָנגיין מיט זיין גרויסער שליחות, און זיינע פירער און טוער, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע אויפטוען זאָלן נאָך לאַנגע, לאנגע יאָרן קענען אָנגיין מיט זייער אַרבעט.

## דער לעצטער בריף פון פארשטאָרבענעם פּרעזידענט פון ארבייטער רינג צו ברענטש 45

מר. נייטען מאַלין
5541 פּאָקאָסעט סטריט
פיטסבורג, פּא.

מיין ליבער מאַלין:

איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו אין דער צייט ווען איך בין געווען אויף מיין וואַקאַציע, דעריבער האָב איך זיך פאַרשפּעטיגט אייך צו ענטפערן.

מיט פאַרגעניגען נעם איך אָן אייער איינלאַדונג אַנטייל צו נעמען אין דעם סואווע־ניר זשורנאל לכבוד דעם 50־יאָריגען יובילײ פון ברענטש 45 א. ר.

איידער איך זעץ זיך אָבער שרייבן, וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט מיר געבן דעם טייל פון דער פיטסבורגער באַוועגונג וועלכע איר ווילט אַז איך זאָל באשרייבן. איך גלויב דאָס איר זאָלט צוטיילען און געבן יעדן שרייבער די טעמע, כדי די זאַך זאָל זיין אַ גאַנצע נאָכדעם ווי עס וועט אַרויסגיין פון דרוק.

איינינגע בעדאַרפן שרייבן וועגן די אַמאָליגע סטאָגי סטרייקערס, אַנדערע וועגן דער לייבאָר לייסעאום, ווי מען האָט אים געבויט, און ווידער אַנדערע וועגן דעם סאָציאַליס־טישן ברענטש, און אַוודאי און אַוודאי וועגן דעם אַרבעטער רינג, — און די אַמאָליגע טוער פון דעם אַרבעטער רינג. אַזוי שנעל ווי איר וועט מיר אַסיגנירן מיין טייל ארבעט, וועל איך זיך זעצן צו דער אַרבעט.

מיט האַרציקע גרוסן צו אייער פרוי און אייך, פערבלייב איך

מיט פריינטשאפט, אייער

ל. אַרקין

באַמערקונג: לעאָן ארקין איז געווען א מיטגליד פון בר. 45 א. ר. פאַר 15 יאָר, ווי אויך אַ באַאמטער פון ברענטש.

ער איז אויך געווען א מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער באָארד און דירעקטאָרן אלס פאַר־טרעטער פון פענסילווייניא, זייענדיג א מיטגליד אין בר. 45.

# אן ארבעטער רינג משפחה פול מיט הויכן גייסט אין דער שטאָט פון שטאָל און קוילן

פון ב. געבינער, געהילפס גענעראל סעקרעטאר ארבעטער רינג

עס איז נישט קיין נייע דערשיינונג אין ארבעטער רינג אז א ברענטש זאָל פייערן זיין 50 יאָריגע עקזיסטענץ. א היפשע צאָל ברענטשעס פון דער א. ר. משפחה האָבן דערגרייכט אזעלכע פייערונגען. אנדערש איז אָבער ווען עס האנדלט זיך וועגן ברענטש 45, פּיטסבורג.

די שטאָט איז באַקאַנט אלס איינע וואו עס ווערט פּראָדוצירט א סך שטאָל, וואו עס ווערט געגראָבן א סך קוילן און אנדערע מינעראלן. עס איז א שטאָט וואָס איז פאר פיל יאָר געווען באקאנט אלס א שטאָט פון געדיכטן רויך. גלייכצייטיק איז אויך די שטאָט באקאנט דורך איר שווערער אינדוסטריע וואָס מיינט אזוי פיל פאר דער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פון אונדזער לאנד. און אין דערזעלבער שטאָט איז מיט א פּאָר און 50 יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורך דער איניציאטיוו פון אן איבערגעבענער גרופּע פון סאָציאליסטן אן אַרבעטער רינג ברענטש און דאָס איז געווען און איז ברענטש 45.

די וואָס האָבן דעם ברענטש געגרינדעט זיינען געווען איבערפילט מיט דעם גייסט פון סאָציאליסטישקייט. זיי זיינען געווען איבערפילט מיט דער גרייטקייט צו טאָן אלץ פאר דער אנטוויקלונג פון דער ארבעטער באַוועגונג אין אמעריקע און פאַר דער באַווירקונג פון דער אַלגעמיינער און אידישער באַפעלקערונג מיט דעם סאָציאליסטישן גייסט וואָס איז געווען דער יסוד פון דעם ארבעטער רינג.

יענע יאָרן איז אין פּיטסבורג די אידישע סאָציאליסטישע ארבעטער באַוועגונג געווען א שפּרודעלדיקע, אן ענערגישע, א קאַמפּס־לוסטיקע, פול מיט אונטערנעמונגס גייסט. ווען מ'זאָל בלעטערן היינט צו טאָג די געשיכטע פון די פארשידענע טיילן פון דער אמעריקאנער ארבעטער באַוועגונג און אויך פון דער אידישער ארבעטער באַוועגונג, קען מען געפינען פילע בלעטלעך וועלכע וועלן דערציילן וועגן דעם פיינעם בייטראָג וואָס עס האָבן געמאַכט די מיטגלידער און טוער פון ארבעטער רינג אין פּיטסבורג, כדי מעגלעך מאכן אז די קאמפן וואָס זיינען אָנגעפירט געוואָרן אין פּיטסבורג זאָלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג און דאָס איז אַן ענין מיט וועלכן די מיטגלידער און טוער פון ארבעטער רינג אין פּיטסבורג מעגן באמת זיין שטאָלץ.

די אידישע ארבעטער באַוועגונג און במילא אויך דער אַרבעטער רינג אין פּיטסבורג איז היינט נישט דאָס וואָס עס איז געווען אמאָל. אורזאכן פאר דעם זיינען פאראן פאַרשידענע. פילע זיינען זיך צעפאָרן. די ראָל וואָס דער אַרבעטער רינג דאַרף און שפּילט היינט צו טאָג איז גאָר אַן אנדערע. אומשטענדן האָבן זיך געביטן און אין ליכט פון דעם זעען מיר היינט פילע טוער און מיטגלידער פון ארבעטער רינג אין פּיטסבורג זייער אקטיוו אויפן געביט פון דעם קאמף פון דער אַלגעמיינער געמיינדע, פאַר דעם פּראָגרעסיוון און בעסערן און נאָך מער אין די רייען פון די אידישע געמיינדע אינסטיטוציעס, אין קאמף פאַר דער עטאבלירונג און פארוואָרצלונג פון דעם אידישן לעבן אין פּיטסבורג און אלץ וואָס דאָס לעבן שטעלט מיט זיך פאָר.

ברענטש 45 ארבעטער רינג אין פּיטסבורג קומט צו זיין 50 יאָריגן יובילעיי מיט א שיינער פאַרגאנגענהייט און אויך מיט וויכטיקער ארבעט היינט צו טאָג. דער בייטראָג פון דעם ברענטש לטובת דעם אידישן ארבעטער קאָמיטעט, לטובת דער אדאָפּטירונג פון קינדער דורך דעם אידישן ארבעטער קאָמיטעט, לטובת דעם קאמף קעגן דיסקרימינאציע און אנטיסעמיטיזם — דאָס זיינען אַלץ ענינים מיט וועלכע די מיטגלידער פון ברענטש 45 שפּילן אויפן באָדן פון פּיטסבורג זייער אַ וויכטיקע ראָל.

דער ארבעטער רינג, וועלכער ציילט שוין היינט צו טאָג עטלעכע און 50 יאָר פון עקזיסטענץ, איז אַן אָרגאַניזאַציע פון 70 טויזנט מיטגלידער. דאָס מיינט פאקטיש 70 טויזנט משפחות פון אהער־אריבערגעקומענע, דאָ־געבאָרענע, אידיש און ענגליש רעדנדיקע. זיין ראָל, קאמף פאר דעם פּראָגרעסיוון און דעם אַלגעמיינעם לעבן, זיין בייטראָג אויף פארשידענע אופנים צו דעם אידישן לעבן איז אומשעצבאר און קריגט די נויטיגע אַנערקענונג אין די קרייזן וואו אנערקענונג איז פון גרויס וויכטיקייט לטובת דעם אַרבעטיר רינג.

מיר זיינען זיכער אז ביי דעם יום־טוב פון דעם 50סטן יובילעיי פון ברענטש 45 וועט אונטערגעצייגן ווערן א סך־הכל פון דער פאַרגאנגענער אַרבעט. וועגן דעם וועט א סך גערעדט ווערן, אָבער עס איז ווינטשענסווערט אז די טוער און מיטגלידער און די אַלע געסט, וועלכע וועלן זיין בא דעם יום־טוב, זאָלן אין זינען האָבן אז ווי גלאָררייך עס איז ניט געווען דער נעכטן מוז מען אין זינען האָבן דעם היינט. מ'דאַרף בויען און שטארקער מאכן אונדזערע פּאָזיציעס, פאַרגרעסערן אונדזער משפחה, ווייטער אָנהאַלטן אונדזער קולטור־געזעלשאַפטלעכע ארבעט און די ארבעט פאַרצווייגן און אויסברייטערן.

אָט אין דעם גייסט שיק איך מיין האַרציקע באגריסונג צו דעם פיינעם ברענטש 45, צו זיינע טוער און מיטגלידער און איך וויל האָפן אַז זיי, צוזאמען מיט די איבעריקע טיילן פון ארבעטער רינג אין די פאראייניקטע שטאַטן און קאנאַדע וועלן אין די קומענדיקע יאָרן זען מאכן דעם אַרבעטער רינג שטאַרקער, קאָלירפולער און אַלזייטיקער.

מיינע בעסטע וואונטשען צו אייער יום־טוב. זייט געגריסט !

# באַגריסונג פון אידישן ארבעטער קאָמיטעט

מיר שיקן אייך אונזער האַרציקסטן גרוס צו אייער גרויסן יום טוב פון 50 יאָר עקזיסטענץ, פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איבערגעגעבענע אַרבעט, פאַר אידישע פאָלקס־אינטערעסן.

ברענטש 45 איז איינער פון די זיילן פון אונזער גרויסן אָרדן, דעם אַרבעטער רינג. פונ'ם שוים פון אַרבעטער רינג איז אַרויסגעוואַקסן דער אידישער אַרבעטער קאָמיטעט:

זאָרג פאַר'ן עלענדן אידישן קינד, שולן און קינדער אינסטיטוציעס, קאָאָפּעראַטיוון און קולטור אינסטיטוציעס, הילף פאַר ישראל — דאָס זיינען די אויפגאַבן פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט אויף יענער זייט ים.

עס ווערט געשטאַרקט און געפעסטיקט דער בונד פונ'ם אידישן אַרבעטער קאָמיטעט מיט די גרויסע טרייד יוניאָנס פון אַמעריקע, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער באַוועגונג פון דער וועלט.

קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, אין קאָאָפּעראַציע מיט דער אַלגעמיינער טרייד יוניאָן באַוועגונג, באַווירקן די אַמעריקאַנער און די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער באַוועגונג, אין אַלע מאָמענטן פון קריזיס און געפאַר פאַרן אידישן פאָלק — דאָס איז די אויפגאַבע פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט אויפן באָדן פון אַמעריקע און איבער דער וועלט.

מיר זיינען געוואָרען די שליחים צו דער אַמעריקאַנער און צו דער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער באַוועגונג פאַר די לעבענס אינטערעסן פון אונזער פאָלק.

דער אַרבעטער רינג איז דער רוקן־ביין פון אונזער אָרגאַניזאַציע, ברענטש 45 איז דער רוקן־ביין פון אונזער אַרבעט אין פּיטסבורג.

טאָ, זיינען מיר צוזאַמען מיט אייך אין אייער גרויסן יום טוב.

גייט ווייטער אויף אָט דעם וועג, צוזאַמען מיט אונז, צו אַרבעט און קאַמף פאַר אידישן פאָלקס־קיום, פאַר פעלקער־באַפרייאונג און סאָציאַליזם.

מיר ווינטשן אייערע מיטגלידער געזונט און לאַנגע יאָרן צו טאָן אָט די גרויסע היסטאָרישע ארבעט.

## אידישער ארבעטער קאָמיטעט

| | |
|---|---|
| אַדאָלף העלד, פּאָרזיצער | יעקב פּאַט, עקזעקוטיוו סעקרעטאַר |
| דוד דובינסקי, טרעזשורער | נ. כאַנין, פּאָרזיצער אָפּיס קאָמיטעט |
| י. נאַגלער, סעקרעטאַר | ב. טאַבאַטשינסקי, נאַצ. קאַמפּיין דירעק. |

# צום פופציג יאָריגן יובל פון בּרענטש 45, ארבייטער רינג

פון נייטען מאַלין, טשערמאַן פון ארבייטער רינג

ווען מען זאָל קענען אָנוואַרפען אויף א לייוונט די געשעהענישען פון די לעצטע 50 יאָר אין פּיטסבורג, אין אמעריקא און אין דער וועלט און די ראָלע וואָס מיר, אלס אַרבייטער רינג מעמבערס און סאָציאַליסטען, האָבען געשפּילט אין די אַלע געשעהענישען וואָלט דאָס געווען איינע פון די גראַנדיעזסטע און אימפּאָזאַנטסטע בילדער.

1904 — דאָס יאָר ווען ברענטש 45 איז געגרינדעט געוואָרען — די מיינסטע פון אונז זיינען געווען ניט לאַנג אין לאַנד. מיר זיינען געווען אָנגעזאַפּט מיט די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון אייראָפּא.

פילע זיינען געווען סטאָגי מאכערס, שניידער, בעקער. אויף דעם קאָרנער סענטער עוועניו און אַרטור סטריט איז געווען א האָל — די העדקוואָטערס פון דער שוין דאַן עקזיסטירענדער „סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי.“ עס גרינדעט זיך די בעקער יוניאָן, די סטאָגי מאכערס יוניאָן, די שניידער יוניאָן.

אין פרענקלין סטריט, אין דער הויז פון איינעם פון אונזערע פריינט, גרינדעט זיך ברענטש 45 פון ארבייטער רינג.

דער גאנצער היל דיסטריקט וואו די אידען האָבען דאַן געוואוינט האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט ארבייטער טעטיקייטען.

די סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי האָט אראנזשירט פארשידענע פארוויילונגען — שמחת תורה בעלער, קאָנצערטען, פּעקעדזש פּאַרטיס און דענסעס, ווי אויך לעקציעס מיט אידישע און ענגלישע לעקטאָרס. די גאַנצע אידישע יונגוואַרג, און מיר אַלע זיינען דאַן געווען יונג, האָט זיך קאָנצענטרירט ארום דער סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי. אלע איבריגע אָרגאַניזאַציעס האָבען מיט דער צייט אָנגעהויבען צו האַלטען זייערע מיטינגען אין דעם האָל פון דער סאָשעליסט ליטעראַרי סאָסייעטי.

1905 — די גאַנצע אידישע געגענד איז אין א פיבער. מען שלינגט אַלס וואָס דרוקט זיך אין די אידישע צייטונגען מיט נייגעריקייט און ענטוזיאזם — די רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט אויסגעבראָכען. די צאַרישע רעגירונג האָט זיך אונטערגעגעבען און איינגעוויליגט אויף א קאָנסטיטוציע.

די פרייד ביי אונז אַלעמען איז זעהר גרויס.

לאטוויא ווערט ערקלערט אלס רעפּובליק מיט א אידען, דער באַרימטער בונדיסט מאקסים, אלס פּרעזידענט.

מיט איניגע מאָנאַטען שפּעטער רעדט טאַקע דער זעלבער מאקסים ביי א גרויסער מאסען פארזאמלונג אין טוירנער האָל ארום 1100 פּאָרבס סטריט. דער ענטוזיאזם און באַגייסטערונג ביים עולם איז אַזוי גרויס, דאָס פארשידענע דזשולערי ווערט געוואָרפען אין די קאָלעקשאָן העטס צו העלפען דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, וועלכע דער צאר האָט ווידער אָנגעפאנגען צו אונטערדריקען.

ארום דער זעלבער צייט קומען אויף אַזעלכע פאראיינען ווי דער בונדישער און פון די סאָציאַליסטען רעוואָלוציאָנערען, צו העלפען דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאנד און פּוילען.

די פארשידענ־ארטיגע טעטיקייט פון דער אידישער יוגענד איז געוואָרען אינטענסיווער און אינהאַלטסרייכער.

1906 — די פּאַנאָראַמא ענדערט זיך שוין אביסעל. די אימיגראַנטען שטעהן שוין אויף א מעהר סאָלידען אַמעריקאנער באָדען.

די מאָיער, הייוואוד און פּעטיבאָן קייס, א פארשווערונג אומצובריינגען די פירער פון די וועסטערן מיינערס יוניאָן און צו פארניכטען זייער אָרגאַניזאַציע, רודערט אויף די גאַנצע פּראָגרעסיווע ארבייטערשאַפט אין לאַנד. א מאַסמיטינג ווערט אראַנזשירט אין וועסטערן פּענסילווייניא, אין קעסקייד פּאַרק, ניו קעסעל, צו פּראָטעסטירען קעגען דעם פאַלשען בלבול אויף די ארבייטער פירער און זייער יוניאָן. עקסקוירשאָן טריינס ציהען זיך פון פּיטסבורג און פון אַנדערע פונקטען אין וועסטערן פּענסילווייניא נאָך ניו קעסעל.

דאָרטען ריידען דעניעל דעליאָן פון דער סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי יודזשין וויקטאָר דעבס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און שערמאַן פון די אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו די וואָירלד. מיר, די אידישע ארבייטער פון פּיטסבורג זיינען שוין דאַן געווען א טייל פון דער 10,000 קעפּיקער מאַסע וועלכע האָבען זיך צוגעהערט צו די רעדנער, וועלכע מיר האָבען דאַן נאָך וויניג פאַרשטאַנען.

1908 — דער פּרעזידענשעל קאמפּיין ברייננגט דעם „רעד ספּעשעל“ טריין מיט יודזשין וויקטאָר דעבס אלס קאַנדידאט פאַר פּרעזידענט אויף דעם טיקעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, נאָך פּיטסבורג. צוויי מיטינגען ווערען אַראַנזשירט יענעם זונטאג אין בידזשו טעאַטער, איינער פון די גרעסטע פון יענער צייט, אום צו געבען א געלעגענהייט די אַרבייטער און סימפּאַטיקער צו הערען דעבס'ן.

די אידישע סאָציאַליסטישע יונגוואַרג זיינען שוין געווען דאַן גרויסע מחותנים ביי די אראנזשירונגען און צוגרייטונגען פאַר די אַלע טעטיקייטען און מיר מיטגלידער פון בר. 45 זיינען געווען צווישען זיי.

מיר האָבען זיך באַטייליגט אין די קאמפּיין פּאַראַדען וועלכע זיינען געווען אין יענע יאָרען אין דער מאָדע, מיט שטורקאצען און לאַנטערנעס, וועלכע האָבען זיך געצויגען פאַר לאַנגע שטרעקעס, מיט מוזיק און געזאַנג און וועלכע האָבען זיך געענדיקט מיט גרויסע מאסען פארזאמלונגען.

די אידישע סאָציאַליסטען האָבען שוין דאַן אָנגעהויבען צו נעמען א טיכטיקען אַנטייל אין די געשעפטען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אויסגעוואקסען צו א וויכטיקען כח אין אמעריקא.

אין 1912 האָבען די סאָציאַליסטען געקראָגען א מיליאָן שטימען אין די פּרעזידענשעל עלעקשאָנס. מיר אין פּיטסבורג האָבען געהאט די סאַטיספאַקציע צו קריגען די מאַיאָריטעט שטימען פאַר דעבס'ן אין איינעם פון אונזערע פּריסינקטס אויף מילער סטריט.

מיר זיינען געווען שוין דאָ א טייל פון די איבער א מיליאָן סאָציאַליסטען אין אמעריקא וועלכע האָבען געפאָדערט פארזיכערונג פאַר עלטער, פאַרזיכערונג פון ארבייטסלאָזיגקייט, דעם אכט שטונדיגען ארבייטס טאָג, מינימום לוין פאַר ארבייט, סאַניטאַרע באַדינגונגען ביי דער ארבייט און דאָס רעכט פון די אַרבייטער צו אָרגאַניזירין זיך און פערהאַנדלען מיט די ארבייטסגעבער אויף גלייכע באַדינגונגען.

דאָס וואָס אמעריקא גענייסט היינט שטאַמט פון די קאַמפּען און קאַמפּיינס פון יענע יאָרען אין וועלכע מיר אַלע האָבען געהאט א גרויסען חלק.

1916 — אויף א בערגעל פון קאָרנער מילער און ריד סטריטס פערזאמלען זיך די אַרבייטער רינג מיטגלידער, די סטאָגי מאכערס און די בעקערס און אַלע אנדערע סימפּאַטיקער מיט דער אַרבייטער זאַך. מען לייגט דעם גרונדשטיין פאַר דעם לייבאָר לייסעאום, וועלכער האָט זיך געבויט מיט די פענים וואָס מיר האָבען אָנגעזאַמעלט צו שאַפען א צענטער פאַר דער אָרגאַניזירטער אידישער ארבייטערשאַפט. דאַמיט האָבען מיר באַשטעטיגט אונזער פעסטען גלויבען אין אמעריקא און דאָס אונזער צוקונפט און האָפנונג איז אמעריקא.

אַזוי האָט זיך די געשיכטע געוועבט ביז דער ערשטער וועלט מלחמה. ברענטש 45 איז אין משך פון די אַלע יאָרען אויסגעוואקסען צו ווערען דער גרעסטער ברענטש אין לאַנד מיט העכער 750 מיטגלידער. דאָס איז געווען די שענסטע פּעריאָדע, די בליענדע צייט פון אונזער באַוועגונג, דער פרילינג פון אונזער לעבען און פון אונזערע דערגרייכונגען.

1918 — אמעריקא איז איבערגעקומען א מלחמה.. טויזענטער פון אונזערע יונגעלייט זיינען אריבער דעם ים און געקעמפט אין אַ מלחמה צו אָפּשאפען אלע מלחמות און צו ראַטעווען דעמאָקראַטיע.

דאָס אַלץ איז ניט מקוים געוואָרען, אָבער האָט געבראכט נייע פּראָבלעמען אויף דער וועלט — נאַציאָנאַליזם — קאָמוניזם — פאַשיזם און נאַציזם און געשאַפען דעם באָדען פאַר אַ צווייטער און נאָך מעהר פאַרניכטענדער מלחמה.

דער דעגענערירטער קערפּער פון קאפּיטאַליזם האָט זיך מער ניט געקענט שטעלען אויף די פיס אין אייראָפּא און אין אמעריקא האַלט ער זיך אויף בלויז א דאַנק דער פּראָדוקציע פאַר מלחמה און צוגרייטונגען צו נייע מלחמות.

פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך דער עקספּערימענט אין סאָציאַליזם אין אַ לאַנד פון פּויערים, ארויסגעצייגט צו זיין א פיאַסקא און אנשטאַט סאָציאַליזם איז געשאַפען געוואָרען א שקלאַפען שטאַט, וואו דער איינצעלנער מענש האָט קיין באַדייטונג און לעבט אין שטענדיקער מורא פאַר'ן מאָרגען. אונטער דער מאַסקע פון באַקערען די וועלט צו סאָציאַליזם, הערשט איצט דער געפערליכסטער סאָרט אימפּעריאַליזם, וועלכער דראָהעט צו פארשקלאַפען די גאַנצע מענשהייט.

זינט 1917 ביז היינט האָבען מיר געמוזט אנערקענען דאָס דער וועג צו סאָציאַליזם איז ניט אַזוי איינפאַך ווי מיר האָבען געדענקט אין אונזערע יונגע יאָרען.

מיר האָבען ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו די ליידען פון אונזערע ברידער מעבר לים. מיר האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין הילפס ארבייט אין דער צייט פון נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה דורך דעם „פּיפּעלס רעליף“ און איצט דורך דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל.“

מיר נעמען אנטייל אין אַלע אידישע געזעלשאַפטליכע טעטיקייטען געגען דיסקרימינאַציע דורך דעם אידישען ארבייטער קאָמיטעט און די דזשואיש פּאָבליק ריליישאָנס קאָונסילס, א. ז. וו.

די מלחמה האָט צערודערט דאָס גאַנצע אידישע לעבען. אונזערע אָרגאַניזאַציעס האָבען אָנגעפאנגען איינצושרומפּען. די אַמאָליגע בעלי מלאכות פון היל דיסטריקט זיינען געוואָרען פאַרוואַנדעלט אין געשעפטסמענשען און זיינען געוואָרען אָפּגעפרעמדט פון אונזער באַוועגונג און פון אונזערע אידעאַלען.

די וועלכע זיינען געבליבען זיינען אָנגעגאַנגען טריי מיט זייער ארבייט. זיי האָבען געקעמפט געגען די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען זיך פאַרמאָסטען צו פאַרכאַפּען אונזערע אָרגאַניזאַציעס און אונזערע אינסטיטוציעס וועלכע מיר האָבען געהאט געשאַפען אין משך פון לאַנגע יאָרען. זיי האָבען באַשיצט אונזערע פּאָזיציעס פון אַלע שונאים וועלכע האָבען געלויערט אין אַלע ווינקעלאך אונז צו פאַרניכטען, און אין דערזעלבער צייט געבויט נייע אינסטיטוציעס און זיך פאַרנומען מיט אַלץ נייע און נייע טעטיקייטען וועלכע די שטורמדיגע צייטען האָבען ארויסגערופען.

די דרייסיקער יאָרען האָבען געבראַכט אויף דער וועלטסצענע א נייע קללה, א פינסטערען און גרויזאַמען געשפּענסט.

די ניט געלייזטע פּראָבלעמען פון דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט געבראַכט דעם קריזים אויף דער וועלט, און דעם נאַציזם, און די צווייטע וועלט מלחמה, און דעם חורבן פון אידישען פאָלק אין אייראָפּא.

מיר האָבען דורכגעלעבט די שווערע יאָרען מיט ברעכענדע און צובראָכענע הערצער צוקוקענדיג זיך צו די חרוב געוואָרענע וועלטען. מיר האָבען זיך ניט געקאָנט צופיל פרייען מיט דעם אויפקום פון מדינת ישראל, ווייל דער אויפקום האָט אונז געקאָסט זעקס מיליאָן אידען און דעם אונטערגאַנג פון א וועלט אין וועלכער זיי האָבען געלעבט און געשאַפען פאַר פילע דורות.

אַן אייגען לאַנד פאַר אידען האָט ניט געקענט קאָמפּענסירען פאַר א שטייגער לעבען וואָס האָט זיך געוועבט אין אייראָפּאַ פאַר הונדערטע יאָהרען מיט אַלע זוניגע און שאָטענדיגע זייטען פון א פאָלקס לעבען, און וועלכעס איז אָפּגעמעקט געוואָרען פאַר אייביג.

נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה איז אויפגעקומען א ניי געשפּענסט פון שלעכטס אויף דער וועלט — דער סאָוועטישער אימפּעריאַליזם, וועלכער האַלט די וועלט אין שטענדיגער געשפּאַנטקייט, מורא און ציטער.

מיר לעבען איצט אין שטענדיגער מורא פאַר אַ דריטער מלחמה וועלכע וועט אין גאַנצען פאַרניכטען די וועלט. די איראָניע פון דער געשיכטע האָט אַזוי מאַנעווורירט אז דאָס אַלץ, די געפאַר פון פאַרניכטונג אָדער פארשקלאַפונג זאָל דראָהען גראָדע פון יענעם צד וואָס האָט א פּרעטענציע אויף סאָציאַליזם.

און עס פרעגט זיך — וואָס פאַר א שייכות האָט סאָציאַליזם מיט שקלאַפעריי, ליגען, אָפּנאַרעריי, צוואַנג, אכזריות'דיקייט און אימפּעריאַליזם? עס ווייזט אויס דאָס קיינע אייזערנע געזעצען זיינען פאַראַן אין דער נאַטור אָדער אין סאָציאַלער וויסענשאַפט.

אָדער עס זיינען פאַראַן אויך זעהר ליכטיגע סצענעס און בילדער וועלכע קאָמפּענסירען פאַר די אַלע פינסטערע געשפּענסטער וועלכע איך האָב אויבען געמאָלען.

דער ארבייטער רינג מעמבער אין 1954 לעבט בעסער, שענער און באַקוועמער ווי אין 1904.

דער ארבייטער אין 1904 איז געווען א מינדערווערטיקע באַשעפעניש. היינט איז ער א מענש פון ווירדע און באַדייטונג.

זיין לעבען איז געזיכערט געגען עלטער און קעגען ארבייטסלאָזיגקייט. זיינע פאַרדינסטען זיינען די העכסטע אין דער וועלט. זיינע רעכט צו זיין אָרגאַניזירט קענען ניט דיספּוטירט ווערען פון קיינעם.

די פּאָליטיק פון אמעריקא קען זיך מער ניט אומקערען צו די צייטען פון מעקינלי, קולידזש און האַרדינג.

אמעריקא איז איצט דער אַוואַנגאַרד פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין דער וועלט און מיר זיינען אַ וויכטיגער טייל פון דעם אַלעם. אמעריקא וועט דערפירען די וועלט צו שלום דורך אונזער וואַכזאַמקייט, אונזער שטאַרקייט און אונזער שטרעבונג פאַר גערעכטיקייט.

מיר די אַרבייטער רינג מעמבערס, מיר סאָציאַליסטען, האָבען פיל צוגעטראָגען אין די יאָרען פון אונזער וואַקסען, אין די יאָרען פון אונזער בליהונג, אין די יאָרען פון בויען און קעמפען, צו דעם אַלעם וואָס אמעריקא איז איצט. אונזערע פּרינציפּען זיינען פאַרקערפּערט אין אַלץ וואָס איז גוט אין אונזער אמעריקאנער לעבען.

דער גייסט פון סאָציאַליזם איז געווען דער צעמענט וואָס האָט אונז געהאַלטען צוזאַמען און געפירט אויף דעם ריכטיגען וועג.

אונזער ארבייט פון 50 יאָר איז ניט געווען אומזיסט.

מיר זיינען קלענער אין צאָל איצט, אָבער דער גייסט פון די גרינדער פון בר. 45, דער גייסט פון אונזערע פּיאָנערען, דער גייסט פון סאָציאַליזם פירט אונז נאָך אַלץ אויף דעם וועג צו אַ ליכטיגערער און גערעכטערער וועלט.

לאָמיר היינט אָנפאַנגען א נייע פּעריאָדע פון טעטיקייט וואָס זאָל איבערשטייגען אין פאַרנעם די פאַרגאַנגענע 50 יאָר. מיר זיינען 50 יאָר אַלט, אָבער דער גייסט פון די ערשטע יאָרען פון אונזער זיין לעבט נאָך אַלץ אין אונז און מיר קענען נאָך דערגרייכען גרויסע הויכקייטען אויב מיר וועלען געהן שולטער צו שולטער צוזאמען פאָראויס.

# באגריסונג פון דער נאציאנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון ארבייטער רינג

מיר שיקן אייך אונזער האַרציקסטע באַגריסונג לכבוד אייער יובילײ ווייל מיר בעטראַכטען דעם יום־טוב פון אייער ברענטש אַלס א יום־טוב פון דעם גאַנצען ארבעטער רינג. דער פאַקט וואָס אייער ברענטש פייערט 50 יאָר פון זיין עקזיסטענץ איז אַ באַשטעטיגונג אז אייער ברענטש האָט אין לויף פון עטליכע צענדליק יאָר גענומען א טיכטיקען אנטייל אין דער אנטוויקלונג און אין דער עטאַבלירונג פונם ארבעטער רינג און אויך אין דער אַנטוויקלונג פון אַלע זיינע בענעפיטען און אינסטיטוציעס וואָס ער האָט היינט צו טאָג.

מיר ווייסען, אז די א. ר. משפחה פון אייער ברענטש אין אייער שטאָט האָט געטאָן פילעס אין לויף פון די פאַרגאַנגענע יאָרן צו ברענגען אי צום אלגעמיינעם עולם, אי אין דער ערשטער רייע אויף דער אידישער גאַס די געדאַנקען, די אידעען די שטרעבונגען און אויך די אַקטיוויטעטען וועלכע זיינען דער אויסדרוק, דער גייסט און די אויפטואונגען פון דעם ארבייטער רינג. דערפאַר פאַרשטייען מיר טאַקע און באַגרייפען וואָס אייער ברענטש האָט אויפגעטאָן אין אייער שטאָט צוזאמען מיט די אַנדערע ברענטשעס, אויך מיט אַלע אַנדערע טיילען פון אונזער באַוועגונג. מיט דעם אויפטו אייערען פון די פאַרגאַנגענע יאָרען זיינען מיר שטאָלץ און מיר פילען יום־טוב׳דיק פונקט ווי איר.

דער ארבייטער רינג אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון 70 טויזענט מיטגלידער מיט א גרויסער צאָל ברענטשעס איבער דער לענג און ברייט פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קאַנאַדע, שפּילט היינט אַן אָנגעזעהענע ראָל אין דעם אידישען לעבען פון אַמעריקע. דאָס איז ניט געקומען פון זיך. דאָס איז געקומען א דאַנק דעם וואָס אייער ברענטש צוזאמען מיט אַלע אנדערע ברענטשעס האָבען זיך איינגעשפּאַנט אין דער פאַרשפּרייטונג פון אונזער אידעאַל, אין דער פאַרשפּרייטונג פון אונזער טעטיגקייט און אין דער אָנפירונג פון א ברייטער קולטור־געזעלשאַפטליכער ארבייט.

דאָס וואָס די אַמעריקאַנער און אידישע ארבעטער באַוועגונג זעהט היינט אויס און שטעלט מיט זיך פאָר א וויכטיגען כוח פון דערגרייכונגען, פון איינפלוס, פון קאַמפּס־לוסטיגקייט איז ניט געקומען פון זיך אַליין. מיר ווייסען אז אייער ברענטש צוזאמען מיט אַנדערע ברענטשעס האָבען געהאָלפען דער אַמעריקאַנער און דער אידישער ארבייטער באַוועגונג צו ווערען דאָס וואָס זיי זיינען היינט צו טאָג.

יאָ, מיר מעגען זיין שטאָלץ מיט די פאַרגאַנגענע אויפטואונגען אָבער דער יום־טוב און דער יובילײ פון אייער ברענטש שטעלט פאַר אייך אַלעמען אַוועק א וויכטיקע פראַגע — צי קענט איר און דאַרפט איר זיין צופרידען בלויז מיט דעם דערגרייכטען נעכטען? וואָס איז מיט דעם היינט? וואָס איז מיט דעם מאָרגען? אָט טאַקע אין ליכט פון דעם גלאָררייכען אויפטו דעם נעכטיקען דאַרף מען זען אריינגיסען אייער יום־טוב׳דיקייט אין דער טאָג־טעגליכער ארבייט נאָך דעם יום־טוב, זען טאָן אַלעס כדי אַריינציען אין אונזערע רייען די וואָס זיינען נאָך ניט אין אונזערע רייען, מענער, פרויען, אידיש רעדענדיקע, ניי־געקומענע, ענגליש־רעדענדיגע הי־געבאָרענע, וועלכע קענען און דאַרפען געפינען אין די רייען פון אַרבייטער רינג זייער סביבה און דער סלאָגען „די גאַנצע משפחה אין ארבייטער רינג" דאַרף זיין א וויכטיגער טייל פון אייער ארבייט און דאָס דאַרף איבערגעשמידט ווערען אין מעשים און אין דערגרייכונגען.

זאָל אויך די פאַרגאַנגענע גלאָררייכע געשיכטע פון אייער ברענטש א שטויס טאָן אָנצוהאַלטען די וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטליכע הילפס ארבייט וועלכע גיט אזא שיינעם נאָמען דעם ארבייטער רינג סיי אויף דעם באָדען פון אמעריקע, סיי אויף דעם באָדען פון אַנדערע אידישע ישובים פון אייראָפּע און אויך אין ישראל.

מיר שטייען היינט פּנים אל פּנים מיט וויכטיגע געשעהענישען אין דער וועלט, מיט וויכטיגע אנטוויקלונגען אין אונזער לאַנד גופא און מיט וויכטיגע פּאַסירונגען אין דעם אידישען לעבען. אָט טאַקע צוליב דעם אַלעמען דאַרפט איר זען זיך ווידמען נאָך מיט מער פאַרנעם דורך די רייען פון ארבייטער רינג די אַלע אַקטיוויטעטען. זעט מיטאַרבייטען מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטען און מיט די ארבייטער עלעמענטען אין אונזער לאַנד כדי אונזער דינאַמישע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע זאָל אָנגיין אויפן וועג פון פּראָגרעס לטובת דעם יחיד און דעם כלל. מיר דאַרפען זען אין ליכט פון דער פייערונג פון 300 יאָר אידיש לעבען, פון דעם בייטראָג פון די אידישע מאַסען אין אמעריקע אין לויף פון די לעצטע 70־80 יאָר, אז אידיש לעבען זאָל זיך נאָך טיפער וואָרצלען אויף דעם אמעריקאַנער באָדען און זאָל נאָך ווערען קאָלירפולער און אינהאַלטסרייכער סיי אויפן געביט פון קולטור טעטיגקייט, סיי אויפן געביט פון דער געזעלשאַפטליכער ארבייט און מיר דאַרפען זען אין זינען האָבען אונזער פאַרבינדונג אין די אידישע ישובים אין אנדערע לענדער און אין מדינת ישראל און זען די פאַרבינדונג זאָל אויסגענוצט ווערען לטובת דעם קיום פון דעם אידישען פאָלק אומעטום.

שיקענדיג אייך די באַגריסונג צו אייער יום־טוב ווינשען מיר אייך, אַז איר זאָלט פייערען נאָך פילע יובילייאומס און, אַז די ווייטערדיגע יובילייאומס זאָלען געפייערט ווערען אין אַ וועלט פון פרייהייט, אין אַ וועלט פון שלום, אין אַ וועלט פון פעלקער פאַרשטענדיגונג און אין אַ וועלט פון סאָציאַלען יושר, פון סאָציאַלען וואוילזיין, עקאָנאָמישען וואוילזיין פאַר דעם יחיד און דעם כלל.

א גוטער יום־טוב אייך.

נאַציאָנאַלע עקזעקוטיוו־קאָמיטע ארבייטער רינג

י. עבעריל, פּרעזידענט

נ. כאַנין, גענעראַל סעקרעטאר

---

מיר שיקען אייך, מיטגלידער פון ברענטש 45 ארבייטער רינג אונזער האַרציגסטע באַגריסונג לכבוד אייער 50 יעריגען יובל.

פאַר די לעצטע 50 יאָר האָבען מיר געקעמפט צוזאמען פאַר די אינטערעסען פון די אידישע ארבייטער און פאָלקס־מאַסען.

דערפאַר איז אייער יום־טוב אויך אונזער יום־טוב.

**אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד**

פּיטסבורג

בעס טאָפּאָלסקי, פינאַנס סעק.

ראָוז שאָר, רעק. סעק.

דזש. קעלמער, טרעזשורער

---

**פרויען ברענטש 104 ארבייטער רינג**

באַגריסט ברענטש 45 צו זיין גאָלדענעם יובילעאום אין דעם גייסט און אין די פּרינציפּען אויף וועלכען דער ארבייטער רינג איז געבויט געוואָרען.

ראָוז שאָר, פינאַנס סעקרעטאַר

דאָרא לעדערמאַן, טרעזשורער

העלען סעמיועלס, רעק. סעקרעטאַר

---

די בעאַמטע און מיטגלידער פון ברענטש 975 אַרבייטער רינג דריקען אויס אונזער בעסטע וואונשען צו ברענטש 45 אַרבייטער רינג צו זייער 50 יאָריגען יובילעאום.

**סעם לובאָווסקי**

סעקרעטאַר

---

די דיסטאַנץ פון טויזנטער מיילען האָט אונז ניט דערווייטערט פון אייך, ליבע פריינט און טוערס פון ברענטש 45 ארבייטער רינג וואו מיר האָבען אַזוי פיל יאָרען באַלאַנגט, צוזאמען געאַרבייט, געשטרעבט פאַר א בעסערער און אַ שענערער וועלט. אין גייסט זיינען מיר אויך יעצט נאָענט צו אייך.

זייט האַרציג געגריסט צו דער יום טוב׳דיקער פייערונג פון 50 יאָר ברענטש 45 ארבייטער רינג אין פּיטסבורג.

סעם און מאַלי אָשרי

לאָס אנדזשעלעס, קאַליפאָרניא

---

די פּיטסבורג דיסטריקט קאָמיטע ארבייטער רינג באַגריסט ברענטש 45 לכבוד דעם 50סטען יובל און ווינשט אים אַז די קומענדע 50 יאָר זאָלען זיך אויסצייכענען מיט דער זעלבער איבערגעבענהייט צו די אינטערעסען פון ארבייטער רינג בפרט און דער ארבייטער באַוועגונג בכלל.

נ. מאַלין, פּאָרזיצער

דזש. רובין, סעקרעטאַר

---

דער פּיטסבורגער אָפּטייל פון אידישען אַרבייטער קאָמיטעט באַגריסט ברענטש 45 אַרבייטער רינג צו זיין 50סטען יובל.

ברענטש 45 איז אַלע מאָל געווען דער שטאַרקסטער זייל פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט אין אַלע זיינע אקטיוויטעטען.

נייטען מאַלין, טשערמאַן

בעס טאָפּאָלסקי, עקזעקוטיוו סעק.

דזש. רובין, רעק. סעקרעטאַר

י. גערשאָן, טרעזשורער

---

אונזערע בעסטע וואונשען צו אייך ביי דער געלעגענהייט פון 50 יאָר עקזיסטענץ

זייט געגריסט!

**אַרבייטער רינג ברענטש 161**

מאָנעסען, פּא.

עדוו. סטוירן, סעקרעטאַר

אייב טשערקין, טרעזשורער

---

מיר באַגריסען די מיטגלידער וועלכע האָבען אויפריכטיג געאַרבייט, געבויט און געשאַפען דעם אַרבייטער רינג. זייט געגריסט, איהר טוערס פון ברענטש 45 און זעצט פאָר מיט מעהר מוט און ענטשלאָסענהייט אייער טעטיקייט ביי דער געלעגענהייט פון 50 יאָריגען יובל.

**דער "פאָרווערטס"**

---

We extend our heartiest congratulations and warmest greetings to you on the occasion of your 50th Anniversary in behalf of our entire membership.

**WOMEN'S DIVISION JEWISH LABOR COMMITTEE**

MINNIE MALYN, Chairman

BESSIE KELLMER, Financial Secretary

SADIE STARK, Treasurer

BESS TOPOLSKY, Recording & Corresponding Secretary

---

GREETINGS AND BEST WISHES

The English speaking branch 450-E sends you its best wishes on your Golden Anniversary.

May your members continue the good work of progress, democracy and good brotherhood to all.

MILTON WEISBERG, Chairman

PEARL RINNE, Financial Secretary

# 50 יאָריקער
# יובל פייערונג
# 1904-1954

## אַרבייטער רינג ברענטש 45

זונטאג, יאנואר דעם 10טען

וועבסטער האל האטעל

פיטסבורג, פא.